בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ערש"ק פ' לך לך | ז' חשון | תשע"א | סוטה חזרה*

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר יצחק יודא פארגעס הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען אין בנין פון אשת חיל ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להרבני הנגיד ר' מרדכי ניישטאדט הי"ו פון בארא פארק.

❧•❧

דעם שב"ק וועט אי"ה דער רבי שליט"א אריינקומען צום טיש ליל שב"ק אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן, אין היכל השלחנות.

❧•❧

## מוסדותינו הקדושות איבערגעפולט בלעיה"ר צום נייעם זמן הלימודים

מיט'ן נייעם יאהר האבן זיך די מוסדות הק' פון איבעראל געעפענט בשטומ"צ מיט א גרעסערע איבערפלוס בלעיה"ר אזש אין טייל פלעצער איז ממש נישטא קיין פלאץ מער קע"ה.

אין וויליאמסבורג, אינע'ם בנין התלמוד תורה וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן געטרייען מענעדשער מוה"ר יואל שפילמאן הי"ו האט מען אויף דעם זמן צוגעבויעט א שפאגל נייער חדר אוכל און נאך עטליכע אינגאנצן נייע קלאסן.

אינע'ם בנין הבית רחל אויף סענפארד גאס וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן טאלאנטפולן מענעדשער מוה"ר אברהם יושע ניימאן הי"ו איז צוגעבויעט געווארן דער ערשטער שטאק אינעם נייע'ם בנין נעבן דעם יעצטיגן בנין מיט א נייע חדר אוכל און נייע קלאסן.

אין בארא פארק, האט מען צוגעלייגט נאך קלאסן אין די בניני הת"ת והבית רחל, אזוי אויך האט מען איבערגעפרישט דעם בנין הישיבה קטנה און דער בנין התלמוד תורה אויף פט. העמילטאן וואס ווערן אנגעפירט דורך דעם איבערגעגעבענער מענעדשדער מוה"ר יואל ברמ"ד לאנדא הי"ו, כדי זיי זאלן קענען אקאמעדירן נאך פולע תלמידים בליעה"ר.

וויבאלד די בויעריי האט געדארפט זיין גאהר שנעל און פונקטליך כדי עס זאל קענען דינען שוין אויפ'ן יעצטיגן זמן האט זיך אריינגעווארפן אינעם ענין און מוה"ר יעקב לאנדא הי"ו וועלכער האט זיך אוועקגעגעבן די פארגאנגענע פאהר וואכן בלב ונפש און אויפגענומען מוה"ר יונה שלאמיוק הי"ו וועלכער האט מיט זיי געניטע שטאב געמאכט א גאהר שנעלער און גוטע ארבעט מיט'ן אהערשטעלן די נייע קלאסן, און אויך האברן מוה"ר טובי' קאהן הי"ו וועלכער האט אהערגעשטעלט די בעיסמענט'ס נעבן ת"ת, און זיי האבן אלעס געטאהן בנדבת לבו הטוב פאר די הייליגע מוסדות בלי תשלום גמול.

אויך האט מען געדינגען נאך פולע בעיסמענט'ס אין שכינות פון די תלמוד תורה ווי מען פלאצירט הלית ברירה נאך קלאסן.

אין קרית יואל ענדיגט מען שוין די לעצטע פאזע פונעם נייעם בנין בית רחל וואס שטייט הארט נעבן די פריערדיגע בנינים אויף ישראל זופניק דרייוו.

אזוי אויך ווערן די תלמידי ישיבה גדולה שיעור ד' פלאצירט אין א נייעם בנין מיט א שפאגל נייעם ביהמ"ד, חדר אוכל, מקוה, און נאך.

*-ורוח הקודש אומרת, כן ירבה וכן יפרוץ,*

*להגדיל תורה ולהאדירה-*

## נייער שיעור בהל' ריבית אין ב"פ דורך הגה"צ הדומ"ץ שליט"א

אין בארא פארק האט דער התאחדות אברכים פארמירט א נייעם שיעור אין הלכות ריבית וואס דער דיין שליט"א וועט אי"ה פארלערנען יעדן זונטאג אינדערפרי אין ביהמ"ד הגדול

## נייער שיעור בספה"ק ויואל משה אין ירושלים עיה"ק דורכ'ן דיין שליט"א

אין בית מדרשינו אין ירושלים עיה"ק וועט פון דעם היינטיגן מוצש"ק פאהרקומען א נייער שיעור בספה"ק ויואל משה בעיון רב וואס וועט געגעבן ווערן דורך הגה"צ דער דיין שליט"א.

## בברכת שבתא טבא
## המערכת

. דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט